STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10178

MAYN TATNS BROKHE

Joshua Rivin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע ריווין

יהושע רייווין

מיין מאמעס ברכה

לידער

ניו־יארק, 1961

MEIN TATEN'S BROCHA

(My Father's Blessing)

Poems by

JOSHUA RIVIN

Copyright, 1961, *by*

JOSHUA RIVIN

3684 Strathavon Road

Shaker Heights

Cleveland 20, Ohio

Printed in U. S. A. by

FUTURO PRESS, INC.

476 Broadway New York City

200

ג ע ו ו י ד מ ע ט :

מיין ליבער פרוי לאה,
מיינע ליבע שוועסטער און ברידער,
אַלע מיינע טייערע קינדער
און אייניקלעך.

I

גאָטס אות

הכנעה

פּייניק זיך, פּייניק זיך, זינדיקער נאַר;
פּייניק ביז בלוט, ביזן ביין;
ס'וועט דיך דיין ווייטיק, דער שוים פון די טעג
אפשר אין ציטער פאַרגיין...

פּייניק זיך, פּייניק זיך טיף און מיט שרעק,
ביז פון דיין בלוט וועט אַ טראָפּן אַרויס;
טראָג דיין הכנעה מיט זיך, וואו דו גייסט,
גאָטס לויטערקייט שטראַלט זי דיר אויס...

יצירה־פרייד

וואונדער־פריידן פון יצירה,
נאָר אַ שאַפער קאָן זיי וויסן;
ער דערפילט זיי אין די בלוטן,
אינעם חלום אויף זיין קישן...

מעג ער אַלט זיין, שוואַך און עלנט,
מיטן שאַפן ווערט ער ניי־געבוירן;
זיסע פריידן פון יצירה
גייען קיינמאָל ניט פאַרלוירן...

דער וואונדער פון מיין איד

האָסט מיך אָפּגעהיט פון שלעכטס,
נאָר צו וואונדער ניט דערהויבן...
כ׳דאַרף אַליין נאָך אין דער הויך
פון דער נידער זיך אויפהויבן...

כ׳דאַרף אַליין נאָך טאָג און נאַכט
פּאַלמעסן מיין ווילן,
ביז דעם וואונדער פון מיין איד
אין מיין בלוט — איך זאָל דערפילן...

כ׳דאַרף דעם וואונדער נאָך באַנעמען
מיט די חושים מיינע...
דאַמאָלס דאַנקען דיר, אָ גאָט,
פאַרן חסד דיינעם.

טויט און לעבן

איך ציטער פאַרן לעבן
און שרעקט זיך פאַרן טויט;
אָט עקט זיך שוין דאָס לעבן,
אָט ברענט שוין אויס דער קנויט...

איך גיי אין גאַס און ציטער
אָט פאַל איך פּלוצלינג אום...
מיין קול וועט מיר פאַרשוואונדן...
ס'וועט הויל מיין ברוסט... מיין צונג איז שטום...

איך היט מיין שפּאַן און ציטער,
עס צאַנקט דער לעבנס-קנויט;
עס וואַרט אויף מיר שוין ערגעץ
דער ליבער, ליבער טויט...

גאָטס אות

גאָטס אות אויפן קרייץ־וועג
באַלייכט דיינע טריט,
זיין אות אויפן קרייץ־וועג
זאָגט „יאָ" און זאָגט „ניט"!

דו דאַרפסט נאָר דערקענען
גאָטס אות אין זיין ליכט,
וואָס רעגעסווייז בייט זיך
געשווינד, אומגעריכט...

און גאָט וועט דיך היטן
פון בייז און פון שלעכטס
ביים וועג, וואָס צעשיידט זיך
אויף לינקס און אויף רעכטס...

גאָטס אות איז געשריבן
מיט פייער — גרין, רויט!
און טראָגט אין זיך לעבן
און טראָגט אין זיך טויט...

מיין טאַטנס ברכה

פאַר די קומענדיקע דורות שפּין איך מיינע לידער;
פאַר די קינדער פון מיין זאָמען —
כ'וויל זיי לאָזן אַ ירושה:
מיין טאַטנס נאָמען.

פאַר די נייע דורות וועב איך מיינע לידער,
פאַר מיין וועלטלעכער משפחה...
כ'וויל זיי לאָזן אַ ירושה:
מיין טאַטנס ברכה...

דעצעמבער, 1960

קינדערשע טעג

ציט זיך אומזיניקע, ציט זיך, איר זאַרגלאָזע,
קינדערשע טעג;
אייביק פאַרלוירענע, ציט זיך ניט אייביקע,
פריידיקע טעג.

זאָלן כאָטש פייערלעך, ווייטע, ניט־דאָאיקע
לויכטן מיט פרייד;
ציט זיך איר ליכטיקע, ברייטע באַלויכטענע
וועגן פון פרייד...

חבלי־לידה

כ׳וועל שוין אומקומען אין חבלי־לידה
פון דער ליבע צו דעם ליד,
ווי דער שמעטערלינג אין פייער,
ווי דאָס אייזן אינעם פייער ביי דעם שמיד.

יעדער פונק פאַרוויכט דאָס אייזן,
עסט און שליגט עס איין;
אַזוי אויך מיין ליד פאַרברענט מיך,
נאָר עס טוט ניט וויי זיין פיין.

די בייזע וועלט

(פון רוסיש)

ווען האָסנדיק די בייזע וועלט,
איך בין אַוועק פון איר צו לערנען זי,
און כ׳האָב דאָס פייער פון מיין שנאה
צונויפגעשמאָלצן מיט דער ליבע פון מיין האַרצן
און עס געבראַכט איר ווי אַ מתנה
פון מיין צעוויטיקטער נשמה,
האָט זי מיך פיינט געקראָגן...
איצט, כ׳וואוין אַן עלנטער אַליין
אין מדבר... אין דער שטיל...

מיין נשמה

מיין נשמה איז אַ צאַרטע סטרונע...
רירט זי עמעץ אָן,
ווערט זי באַלד פאַרוואונדעט
און פאַרלירט איר טאָן.

איז, דערפאַר, ניט ריר זי אָן, אויב ליב איז
דיך איר שטיל געזאַנג;
לאָז צורו זי, ליבער חבר,
אויב זי טוט דיר באַנג...

אויפֿן ברעג

ס׳לויפֿט מיר אַנטקעגן אַ כוואַליע
באַזילבערט מיט שוים;
טראָגט מיר אַ גרוס פֿון די ווייטן
פֿון דעם אומענדלעכן תהום.

רוישט זי און לויפֿט צו די ברעגן,
טוט זיי אַ קוש און אַ גלעט...
קושט מיינע פֿיס זי — די כוואַליע
שענקט מיר אַ שוימען־בוקעט...

דאַכט מיר: עס פֿאַלן פֿון הימל
זילבער־בוקעטן אַראָפּ...
און ווי די רוישיקע כוואַליעס,
איינער באַזילבערט מיין קאָפּ...

עס איז דאָ אַזאַ שעה

עס איז דאָ אַזאַ שעה, אַזאַ געטלעכע שעה,
ווען דו ליבסט אַזוי ערלעך און טריי...
און דיין האַרץ ווערט צעגליט, און דיין האַרץ ווערט צעבליט,
ווי אַ רויז אין אַ זוניקן מאַי...

און דו גאַרסט נאָך אַ פריינט, נאָך אַן אמתן פריינט,
נאָך אַן ערלעכן, ערלעכן פריינט;
און דו שענקסט אַלע זינד, ווי אַן אומשולדיק קינד,
דיין פאַרביטערטסן, ביטערסטן פיינט...

עס איז דאָ אַזאַ שעה, אַזאַ ליכטיקע שעה,
ווען דו ווייסט ניט וואָס גוט איז, וואָס שלעכט?...
און דו ליבסט אַלע גלייך, און דו ליבסט אַלע הייס
און דו בלייבסט נאָך ביי זיך אומגערעכט...

כ׳וויל ניט פאַרבלוטיקן

כ׳וויל ניט פאַרבלוטיקן די זון...
כ׳וויל ניט אויסרויבן דעם ים;
כ׳וויל בעסער זיין:
אַ שטומער תם...

כ׳וויל ניט אַוועק פון דער וועלט;
כ׳וויל ניט אומברענגען די וועלט...
כ׳וויל בעסער זיין:
אַ נאַקעט פעלד...

אָן גרינעם גראָז,
אָן שטעג, אָן שטאָם...
אַ קאַלטע זון,
אַ טויטער ים...

אויפן טויט פון אַן איבערגעפּאָרענער

פּאַרוואָס האָט מען מיך ניט גערופן צו איר,
כ׳זאָל זען, ווי דער טויט האָט זי פאַרשניטן?
ערשט אינדערפרי, אַ פריילעכע, איז זי פון הויז אַוועק
און שפּעט ביינאַכט האָט דער טויט זי אויסגעכאַפּט
אויפן לעבנס וועג — ערשט אין דער מיטן...

אַ ווילדער יונג, אַ שיכור, אַן אַלקאָהאָליק
האָט זי מיט זיין „אויטאָ“ צעממיתט און צעריבן;
אַ קללה אויף אים און אויף דער וועלט, דער הפקרדיקער, קרומער,
וואָס האָט אים פאַר איר תליון אויסגעקליבן...

פּאַרוואָס בין איך ניט דאָרט געווען
צו זען און שרייען גוואַלד, און רייסן קריעה
ביי איר פאַרשטיקטן אויסגעשריי
אויף איר פאַרבלוטיקטער, פאַרענדיקטער נסיעה?

פאַרוואָס אַזוי פיל טרויער?

פאַרוואָס אַזוי פיל טרויער,
פאַרוואָס אַזוי פיל צער,
אין אויגן, וואָס איך זע דאָ
פון אַלט און יונג, פון קנעכט און האַר?...

פאַרוואָס אַזוי פיל ליבשאַפט
אומזיסט פאַרלוירן ווערט;
און יונגע טרוימען — אין געבוירן,
ווערן דאָ אין גיהנום־שטאָט צעשטערט?...

ניו יאָרק, 1959

בלינדער לעבן

די אָפּגעגאַנגענע זיינען ווייט פון אונדז...
און מיר... מיר זיינען בלינד, מיר זיינען בלינד...
און האָבן ליב דאָס בלינדע לעבן,
ווי אַן ערשט געבוירן קינד...

דאָס בלינדע לעבן ליבן מיר
מיט יעדן חוש, מיט אונדזער יעדן אבר;
מיר טראַכטן ניט פון תליות
און זעען ניט דעם שאָטן, אונדזער קבר.

און זיין זאָל זיין, וואָס ס'וויל;
דער מאָרגן רופט צו קאַמף, צו לוסט, צו פריידן!
מיט אונדזער בלינדן לעבן
מיר ווילן ניט, מיר ווילן זיך ניט שיידן...

שיינקייט

ווי וואונדערלעך, ווי טיף דו בליקסט אויף מיר
און דרינגסט אַריין צו מיר אין מיין נשמה...
אַ נייער לעבן האָט זיך דערוועקט אין מיר,
אַ לעבן פול מיט פרייד, מיט ליבשאַפט און נחמה.

אַ נייע וועלט האָב איך דערזען אין דיין געזיכט;
עס האָט, ווי זון, דיין אויג געשיינט אויף מיר...
עס האָט אַ גרויסע פרייד פון לעבן און פון זיין
אַרויסגעשיינט פון דיר...

מיין טרוים

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
איבער וואָלקנס הויך אין הימל,
שווימט אַ שיף פון גאָלד און בלוי
צו אַ ברעג פון טרוים און דרימל...

טרוים איך: כ׳שווים צוזאַמען,
מיט די ספער־געשטאַלטן...
אויף דער ווייטער וויזיע־שיף,
וואָס האַלט מיין שענסטן טרוים באַהאַלטן...

זאָל פאַרצערן דיך דער טרויער

זאָל פאַרצערן דיך דער טרויער...
טיפער ווערן נאָך דיין וואונד...
זאָל דיין לעבן מער ניט ווערט זיין
ווי דאָס לעבן פון אַ הונט...

זאָל דיך פייניקן דער אומעט,
בייטשן ווי אַ פלאַמענדיקע רוט;
ווי אַ שלאַנג אַ הונגעריקע
זויגן דיר דאָס בלוט...

וועסט אין דעם געלייטערט ווערן;
וועסט פאַרשטיין דעם זין פון זיין...
אין דיין בעכער, — פיין און טרויער
וועלן ווערן ריינער ווין...

ס'לעבן

ס'לעבן איז געשליפן גלאָז —
— צאַרט און דין...
קומט אַ ווינט און טוט אַ בלאָז,
איז אויס מיט לעבנס־זין...

ס'לעבן איז ווי פּאָרצעליי...
קוים נאָר רירסט עס אָן,
ברעכט עס זיך און איז פאַרביי;
עס איז: „ניט ריר מיך אָן"...

היט עס שטאַרק, דערפאַר, מיין פריינט;
היט עס ווי דיין אויג אין קאָפּ...
האָב הנאה פונעם היינט,
לייג אויף מאָרגן גאָר ניט אָפּ...

דאָס ניט דערגרייכטע

דאָס שענסטע איז דאָס ניט דערגרייכטע,
דאָס שענסטע איז דאָס אויסגעטרוימטע,
וועלטן אויסגעטראַכטע,
דראַנגען ניט געצוימטע...

דאָס שענסטע איז דער בלינדער אימפּעט...
דאָס שענסטע איז דער שטאַרקער ווילן;
צו זיין אַליין דיין האַר פון טרויער
און דיין געוויין מיט אויפברויז שטילן...

וואָס לענגער...

וואָס לענגער די דערוואַרטונג,
אַלץ פריידיקער די פרייד...
וואָס שווערער די דערגרייכונג,
אַלץ זיסער דער באַשייד.

וואָס טונקעלער דער טאָג איז,
אַלץ ליכטיקער די נאַכט...
וואָס שווערער דער פאַרלוסט איז,
אַלץ שטאַרקער דיין באַגער דערוואַכט...

און וואָס באַשיידענער דו האַלטסט זיך,
אַלץ גרעסער וואַקסטו אויס...
דיין וויטאָק ווערט אַ וואוילטאָג,
דיין דאָרן ווערט אַ רויז...

שוין וויפיל פרעמדע מענטשן

כ׳האָב וויפיל פרעמדע מענטשן שוין געפרעגט:
וואוהין מען גייט, וואוהין מען פאָרט?
און יעדער איינער האָט געפונען צייט
דעם וועג מיר ווייזן, זאָגן מיר אַ וואַרעם וואָרט.

דער מענטש איז גוט און שיין — אין גאָטס געשטאַלט...
זיין האַרץ איז וואַרעם צו אַ חברס נויט;
ער וועט דיר אָפּגעבן זיין לעצטע העמד, זיין קלייד,
ער וועט דיר אָפּגעבן זיין ביסן ברויט...

טרויער

שוואַרצע בשורות לויערן אויף מיר —
אומעטיקע צוקונפט־טעג;
כ׳וויל פון זיי אַנטלויפן,
זע איך ניט אויף וואָסער וועג...

כ׳בין אין צווייפל־שאָטנס איינגעהילט
וואו איך גיי, געהיימער וועג;
שוואַרצע בשורות לויערן אויף מיר —
טרויעריקע צוקונפטס־טעג...

הבל הבלים

בייטאָג אַ לוויה,
ביינאַכט אַ קאָנצערט;
אַזוי איז דאָס לעבן;
ס'האָט ניט קיין ווערט...

דאָס לעבן צעפּטרט
אויף שטויב און אויף דרויב...
וואָס העלפן די שבחים,
פון רבין די לויב?...

ס'זיצט די אלמנה
פאַרגליווערט און שטאַר;
ס'איז הבל־הבלים
ס'גאַנצע געגאַר...

און מענטשן־חברים —
באַקאַנטע און פריינט, —
זיי זיצן און טראַכטן
פון נעכטן און היינט...

אָט ערשט האָט דער נפטר
געלעבט און געלאַכט;
איצט ליגט ער אין ארון
פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט...

ניטאָ מער דער פאָטער,
דער שפּייזער, דער מאַן;
ס'איז ערגעץ אַ פאָטער
אין הימל פאַראַן...

און אַט איז געענדיקט
דאָס שפּיל פונעם טויט;
ס'האָט זיך פאַרלאָשן
פון לעבן דער קנויט...

נאָר מענטש קאָן ניט לעבן
פאַריאושט, פאַרטרערט;
אין אָוונט — ער לויפט שוין
צו פרייד און קאָנצערט...

וואָס ווילן די מענטשן,
וואָס זוכן זיי דאָ?...
זיי ווילן פאַרברענגען
אַ פריילעכע שעה...

ס'זיצט די אלמנה,
פאַרשטיינערט, פאַרשטאַרט;
ס'איז הבל־הבלים...
מ'איז אייביק גענאַרט...

בייטאָג אַ לויה,
ביינאַכט אַ קאָנצערט;
אַזוי איז דאָס לעבן:
ס'האָט ניט קיין ווערט...

יאוש

ס׳לעבן איז אונדזערס
מיט אַלע ווייען;
מיר עסן די תבואה
וואָס מיר פאַרזייען...

אָט לויפט דאָס לעבן
אַוועק אינגאַנצן,
מיט אַלע פירות,
מיט אַלע פלאַנצן...

און ס׳בלייבט אונדז גאָרניט
פון לעבן שווערן;
נאָר שטומע ווייען,
נאָר הייסע טרערן...

חלומות

מיט חלומות איז דאָס לעבן אויסגעבעט;
אויף חלומות שלאָפן מיר;
מיט חלומות גייען מיר אין גאַס,
מיט חלומות לעבן מיר...

וויפיל דאַרף אַ מענטש זיי האָבן
צו לויכטן אים אַנטקעגן?
און חלומות אָן אַן עק
ליגן, רופן אים אויף אַלע וועגן...

די ליבע, שיינע פרוי

זי טוליעט זיך צו מיר,
די ליבע, שיינע פרוי;
זי איז שלעפעריק און מיד,
די ליבע, שיינע פרוי...

זי פאָרט מיט מיר אין באַן,
די ליבע, שיינע פרוי;
נאָר כ׳ווייס ניט ווער זי איז,
די ליבע, שיינע פרוי?

און שיין איז זי, ווי שיין!
ניטאָ קיין ווערטער גאָר...
צו מאָלן איר געזיכט,
באַזינגען אירע האָר...!

און ליב איז זי, ווי ליב!
אַ פרעמדע אין דער פרעמד...
זי טוליעט זיך צו מיר,
צום לייב און צו מיין העמד...

ווען וועל איך רופן?

(געווידמעט מיט ליבע מיין פרוי לאהן)

ווען וועל איך רופן צו מיין בעט,
ווען דער טויט וועט קומען מיך צו נעמען?
דיך, וואָס האָסט געזוכט מיך אומברענגען אין זינד
און מיך פאַר גאָט פאַרשעמען?...

אָדער דיך, וואָס נאַרט אי זיך, אי יענעם
און האָט געוואָלט מיך אויך אַריינגאַרן אין גיהנום...
ווען וועל איך רופן צו מיין בעט,
ווען דער טויט וועט קומען מיך צו נעמען?...

ליבערשט וועל איך רופן דיך מיין גאָטס שליח,
דיך, מיין ווייב, מיין אויסגעוויילטע, שטילע...
די לעצטע זינד פון מיר אַראָפּצונעמען
און מיך באַגלייטן מיט דיין האַרציקער מחילה...

II

פון גאָט באַשערט

פון גאָט באַשערט

מיין ליבער לאהן

זי האָט מיך ליב און שיינע רייד;
אָן ליבעס־ווערטער;
ביי איר בין איך: איר לעבנס־תוך,
איר גאָט־באַשערטער.

און איך? צו וואָס זאָל איך עס לייקענען:
כ׳האָב זי ליב אָן אַ שיעור,
ווייל גאָט אַליין, אַלס זיין געשאַנק
האָט זי געגעבן מיר...

איך דאַרף קיין סך ניט האָבן

איך דאַרף קיין סך ניט האָבן
צו דער דערהויבנקייט פונעם ליד;
מ׳ט שיר השירים כ׳פאַרגעס יסורים
און בין פון לעבן מער ניט מיד...

פאַר זיך אַליין איך דאַרף קיין סך ניט האָבן
צום וואונדער פונעם וואָרט;
און כ׳פיל ניט מער דעם לעבנס ריטער,
דער שיינקייט — טויט טרעט אָפּ זיין אָרט...

אין אירע אויגן

איר בליק — געבעט צו מיר —
און איך — איך גאַר און לויף פון איר...

מיר דוכט זיך: ס׳דורשט איר ווענד און בויג,
מיט פלאַם און רוף צו מיר — איר נויג...

ס׳איז אין איר בליק אי רוף אי צער;
און איך — איך שטיק אין זיך דעם גאַר...

פלוצים! אַלץ איז אויס! און זי איז מער ניטאָ,
נאָר איך — אַליין — שטיי אַלץ נאָך דאָ!

צו וואָס? צו ווען? ס׳איז שפּעט!
און אין דער לופט שוועבט אום איר רוף און איר געבעט...

אַ היים

אַ מענטש דאַרף האָבן אַ היים, אַ פּרוי, אַ גוט וואָרט,
צו האָבן, וואו זיך אויסרוען פון וועג,
ווען ער איז מיד...
און האָבן צו ווען טוליען זיך געמיטלעך,
אין שטילן רעיון, שרייבן
אַ גוט ליד...
פון ליבע, וואָס איז שיין,
פון אמת, וואָס איז ריין;
פון אויסגעטראַכטע זאַכן אָן אַ צאָל...
נעכטנס אינעם אַמאָל...
פון לעבן און זיין זין,
פון פעלד, פון רמש און פון בין...
און פון דער שטילער נאַכט
וואָס שווימט אַרום פאַרטראַכט,
אַ חלום אויף דער וואַכט
אין אויסגעקלערטן לאַנד...
און פון דעם טאָג, וואָס גייט פאַרביי
צו קומען אויפדאָסניי, אויפדאָסניי...

צום מענטשן

לעבסטו, לעב און קעמף פאַר פרייהייט,
קעמף פאַר פאָרשריט און פאַר ליכט!
לעבסטו — טו דיין הייליק־גרויסע
מענטשן־פליכט.

רעד פון פרידן און פון ליבע
אויף דער גוטער, ליבער ערד;
און פאַרדאַם מיט טויזנט קללות
דעם געברויך פון שווערד...

לעבסטו, זיי אַ גאָטס שליח
אויפן פעלד פון בלוט און קריג:
אויף דיין בוזעם טראָג דעם צייכן
פון דער מענטשהייטס זיג...

לעבסטו, לעב, ניט גיב זיך אונטער
מיט דיין גאַנצער מאַכט און מוט —
דעם פאַרהאַסטן גאָט פון שקר,
דעם פאַרדאַמטן גאָט פון בלוט!...

צוויי קושן

(געווידמעט מיט ליבע מיין פרוי לאהן)

צוויי קושן האָב איך פון מיין ווייב באַקומען
און דווקא אין „מזומן”...
איינעם, ווען זי האָט מיין ערשטע ליד
דערזען אין „קרומען”
און איינעם, ווען
איך האָב זי אין די אויגן פון אַ צווייטער פרוי
געלויבט גאָר שטאַרק
און אירע מעלות אויפגענומען...

כ׳וויל ניט טראַכטן

כ׳וויל אומגיין און ניט טראַכטן;
טראַכטן: וואָס זשע ווערט דערפון?
מאָרגן וועט דאָך ווידער שיינען
גאָטס צעבלענדטע זון...

מאָרגן וועט דאָך ווידער ליגן
אויפן פעלד דער טוי;
און דער פרייער, קלאָרער הימל
זיין וועט סאַמעט־בלוי...

איצט איז שטיל און סמוטנע;
גיי איך זאָרגלאָז אום:
מאָרגן וועט דאָך ווידער בליען
אין דעם טאָל די בלום...

מאָרגן וועט דאָך ווידער בליען
לעבן, ווילן, לוסט...
אויפגיין וועלן נייע פריידן
און זינגען אין מיין ברוסט.

יוגנט

אָט בין איך דאָ, אָט בין איך דאָרט;
כ׳לויף אַרום פון אָרט צו אָרט;
כ׳בין ניט פאַרפירט, כ׳בין ניט פאַרווירט;
כ׳האָב יוגנט אין זיך דערשפירט...

דערמאָנט זיך שפעט... נאָר כ׳האָב דערקאָנט
אין זיך די שטראַלן פון גאָטס ליכט...
ס׳ברענט דער אומרו אין מיין בלוט
און די יוגנט אויף מיין געזיכט...

כ'האָב לאַנג געזוכט דיך

כ'האָב לאַנג געזוכט דיך און ניט געפונען,
און איצט ביים סוף פון לעבן
וואָלט איך מיין גאַנצן לעבן
פאַר דיר אַוועקגעגעבן...

אַזוי באַחנט ביזטו מיט טרויער,
אַזוי פיל גליק אין דיינע אויגן!
איך וואָלט צו דיר אויף אָדלער־פליגלען
אין שטורם־נאַכט געפלויגן!...

אין שווייגן

אין שווייגן לויטערט זיך מיין זינען;
אין שווייגן וואַקס איך אויס;
אין שווייגן לערן איך פיל סודות
פון גאָטס וועלט אַרויס...

דער טאָג איז קלאָר, שיין און ליכטיק;
נאָר שווייגן איז דאָס קלאָרסטע ליכט...
ס'שיינט אַראָפּ מיט גאָטס געלייטער
פון מיין שווייגנדיק געזיכט.

לידער

לידער קאָן מען ניט באַשטעלן.
לידער דאַרפֿן קומען
פֿונעם האַרצן,
ווי פֿאַרפֿלאַנצטע בלומען . . .

לידער זײַנען גאָטס מתּנות
פֿאַר די דיכטער, פֿאַר די טרוימער . . .
ווי דער פֿרישער טוי פֿרימאָרגנס
פֿאַר די גראָזן, פֿאַר די ביימער.

לידער זײַנען פֿונקען־שטערן
לויפֿן דורך דער נאַכט און ריידן
פֿון פֿאַרבאָרגענע באַגערן,
פֿון ניט אויסגעלעבטע פֿריידן . . .

ליבע

ליבע ברענט ניט אויס;
ליבע דויערט יאָרן־לאַנג...
אייביק הער איך ליבעס־רוף,
אייביק צינדט מיך אָן איר באַנג.

ליבע איז אַ פרישער קוואַל
ביי דעם ראַנד פון לעצטע טעג...
יוגנט מיך און פרישט מיך אָפּ,
אויפן שווערן לעבנס וועג...

איז עס מעגלעך?

איז עס מעגלעך, אַז דו גייסט אַרום
און טראַכסט נאָר וועגן מיר,
אַזוי ווי איך טראַכט נאָר וועגן דיר,
און דו זעסט מיך לעבן זיך
אַזוי ווי איך זע שטענדיק דיך?...
איז עס מעגלעך, איז עס וואָר,
אָדער איז עס אַ חלום גאָר?

אין שווערע מינוטן

דורך אַ נעפּל זע איך פריידן,
וואָס איך האָב שוין לאַנג פאַרלאָרן...
אַך, איר גוטע און געטרייע,
ליבע, שיינע קינדער־יאָרן.

אייער לוסט און אייער לעבן
וועט צו מיר שוין מער ניט קומען...
איינמאָל שיינען יוגנט־זונען,
איינמאָל בליען קינדהייטס־בלומען...

דורך אַ נעפּל זע איך פריידן,
זע איך גאָלד און זייד זיך וועבן...
זע איך ווייטע, ווייטע רוימען
און אַ צויבערהאַפטן לעבן...

אָבער שוואַרצער, שוואַרצער ווערט דער נעפּל;
זונען בלייכן, פריידן שטאַרבן...
און נאָר פלעקן שוואַרצע בלייבן
פון די וואונדער־שיינע פאַרבן...

אמת

ווען דו ווילסט דעם אמת פאַרטרייבן,
לויפט ער דיר נאָך און לאָזט דיך ניט אָפּ;
מעגסטו זיך דרייען אין דרייען און שרייען:
„גזלן, אָ, לאָז מיך שוין אָפּ...״

און אויב דו אַנטלויפסט פונעם אמת צום שקר,
לויפט ער דיר נאָך און לאָזט דיך ניט אָפּ;
קאָנסט פונעם אמת אין ערגעץ ניט לויפן:
ער איז אין דיין האַרצן, ער איז אין דיין קאָפּ...

איבערצייגן

דאַרפסט דער וועלט ניט איבערצייגן
צי ביסטו גוט, צי שלעכט?
קיינמאָל איז נאָך קיינער
ביי דער „וועלט" געוועז גערעכט...

דאַרפסט אַליין ביי זיך נאָר וויסן,
אַז דו ביסט גערעכט;
וועט שוין קיינער גאָר ניט פרעגן:
ביסטו גוט, צי שלעכט?...

כ׳בין אַ ייד

גליקלעך בין איך, וואָס מיין פּען איז פריי...
און איך דאַרף פון איר ניט לעבן;
קאָן איך אויסזינגען אַ ליד,
פון אַ ריטער און אַ שמיד...

גליקלעך בין איך, וואָס מיין פּען איז פריי...
און צו קיינעם ניט פאַרקויפט —
קאָן איך אויסזינגען אַ ליד,
פון אַ פויגל און אַ שמיד...

גליקלעך בין איך, וואָס מיין פּען איז פריי...
זינג איך אויס אַן ערלעך ליד
פון אַ ייד — אַ תהילים־ייד,
פון אַ ייד — אַ פּאַראַזיט...

כ׳בין אַליין דער בעל־הבית
אויף מיין פּען און אויף מיין ליד;
וויל איך, זינג איך; וויל איך, ניט;
שריי איך אין דער הויך: „כ׳בין אַ ייד”...

אויף אַן עראָפּלאַן

אַרויף איז דער אָדלער אין הימל צו פליען,
אַרויף מאַיעסטעטיש און שיין...
און דאָך וואַקסט אַ צווייפל אין האַרצן:
צי וועל איך דערפליען, צי ניין?

צי וועט אָט דער אָדלער מיך ברענגען בשלום
צום ציל, מיין געהייליקטן ציל...
צי וועל איך פאַרשווינדן אין הימל אָן צייכן —
נאַטורס אַ קאַפּריזיקע שפּיל?...

דער אָפּנאַר

ס׳איז אָפּט — דאָס אָפּנאַרן זיך אַליין —
דאָס שענסטע און דאָס קלוגסטע אינעם לעבן;
ס׳ברענגט דיר ווייטע וויזיע־פרייד,
וואָס דער אמת קאָן ניט געבן.

ביסט לאַנג גענאַרט: וואַרטסטו אויף אַ נס
פון ערגעץ־וואו זאָל קומען און דיך גליקלעך מאַכן;
אָפּט דער גוטער אָפּנאַר נאַרט דיך ניט
און דאַרפסט פון זיך אַליין ניט לאַכן...

III

אַ טאָג איז אַריבער

הייס

בלייענע הימלען, טרוקענע גראָזן,
קאַרטשעט די שטאָט זיך פון היץ;
ס׳זאָל כאָטש פון ערגעץ אַ ווינטעלע קומען,
ס׳זאָל כאָטש אַ קנאַל טאָן אַ דונער, אַ בליץ.

ניין; ס׳איז פרימאָרגן און שוין איז פאַרגליווערט
ביים מענטשן דער ווילן... פון היץ;
ס׳זאָל כאָטש פון ערגעץ אַ ווינטעלע קומען,
ס׳זאָל כאָטש אַ קנאַל טאָן אַ דונער, אַ בליץ...

אַ טאָג איז אַריבער

אַ טאָג איז אַריבער,
אַ טאָג אַזאַ שיינער,
אַ זוניקער, ליכטיקער טאָג;
איז וואָס איז דער אומגליק:
דער טאָג איז ניט איינער...
נאָך אים וועט נאָך קומען
אַ שענערער טאָג...

פאַרליר ניט דעם גלויבן,
אָ, מענטש, אָ, בן־אדם;
ניט וויין אויף דיין מזל, ניט קלאָג...
אַ טאָג איז אַריבער,
אַ טאָג אַזאַ שיינער...
נאָך אים וועט נאָך קומען
אַ שענערער טאָג...

צווײ טעג

צוויי טעג אין קעסל־גרוב ניו־יאָרק
בין איך;
בין איך אַ טויטער איך...
אַ מענטש פון שטיין,
אָן הענט, אָן פיס,
און אָן געפיל,
און אָן פאַרלאַנג...

מיך שטופּט אַ קראַפט, אַ ווילדע קראַפט
פון ראָג צו ראָג,
פון גאַס צו גאַס,
און שטעלט מיך אָפּ
און וואַרפט מיך אום
און דרייט מיך אויס
ווען נויטיק איז...

בין איך ניט איך...
יאָ, יאָ... איך בין
אַ טויטער מענטש, ווי שטיין געשטייפט...
פון אייזן אויסגעשמידט,
ווי ס׳איז די גאַנצע שטאָט — פון אייזן אויסגעגליט,
מיט וועגן — טיף אין דר׳ערד...
און אין דער הויך...
אײן אייזן וועג,
אײן שטיינער־וועג,
פון טויט, טויט, טויט...
פון שטיין, שטיין, שטיין...
און ס׳איז געשען...

איין רגע נאָר...
כ׳האָב ווידער אויפגעלעבט,
צי אין חלום, צי אויף וואָר,
דאָס ווייס איך ניט...
נאָר כ׳פיל, ווי ס׳פילט אַ לעבעדיקער מענטש...
ס׳איז ערשט ניט לאַנג געווען:
צוויי טעג צוריק... אין דאָרף...
אַרומגעקרוינט מיט בערג, מיט שלאַנקע, הויכע בערג,
מיט טיפן וואַלד, מיט ברייטן פעלד...
און אומעטום איז זון געווען... אַ ים
פון ליכט און פאַרב...

דאָרט בין איך מענטש געווען...
דאָרט איז מיין איך, מיין איך געווען...
און כ׳האָב גערעדט מיט גאָט,
ביינאַכט, בייטאָג, גאַנץ פרי,
ווען ס׳האָט די זון זיך אויפגעכאַפּט
און שמייכלענדיק געקוקט אויף מיר...
ווען ס׳האָט דער טאָג גערוקט זיך צו דער נאַכט
און אויסגעגאַנגען שטיל אין מערב־זייט...
דערנאָך אין מיטן נאַכט,
ווען אַלץ איז איינגעהילט געווען אין זיסן שלאָף...
דער וואַלד און איך...
די בערג און איך...
די וויטע פייערלעך פון דאָרף...
און איך... איך...
גאָטס קינד און גאָטס געדאַנק און גאָטס געפיל...

דער אָנזאָג פון פרילינג

ווייסע ציבן, ווייס געבעט...
ליגט דער שניי, ווי סאַמעט גלאַט;
אונטן ליגט די ערד, זי בעט:
„מאַך מיך רייך און פעט און זאַט.

וואַרט נאָר אויס אַ טאָג און צוויי...
ס'וועט דער זילבער־ווייסער שניי
זיך צעשמעלצן און צעגיין;
און די פעטע ערד מיט לוסט,
וועט איר קלאָרע זאַטע ברוסט
אויפמאַכן מיט חן...

אַלע שלעסער שטייף און האַרט,
אין די ווינטער־ראַמען שווער,
וועלן ווערן מילד און צאַרט,
ווי נאָך קיינמאָל ביז אַהער...

אויף די שפּיצן בערג, די זון
וועט אין גאָלד זיך באָדן... און
מיט צעפלאַמטע שטיקער גאָלד
וואַרפן לינקס און וואַרפן רעכטס,
גלייך אויף גוטס און גלייך אויף שלעכטס,
קאָן נאָך שענער זיין געמאָלט?...

וועלן טייבלעך מורמלען שטיל:
פרילינג קומט שוין, פרילינג גייט;
ס'וועט די אַלטע, אַלטע מיל
יונג און ניי ווערן פאַר פרייד...

טויזנט פריידן און נאָך מער,
וועלן פליסן הין און הער,
אין דער פרילינגס פרישער לופט;
זאַנפטע בלומען וועלן קומען,
אָנגעזאַפּט מיט בשמים־דופט,
אָנגעזאַפּט מיט פרילינגס דופט...

קווייטעלעך בעטן

קווייטעלעך קומען אַרויס פון דער ערד;
ברענגען אַ פריילעכן גרוס,
אַז זייער גוטע מאַמע־ערד
רייך איז און פול מיט גענוס,

ווייַן און בוקעטן, זילבער און גאָלד,
אַלערליי ראָזשינקעס, מאַנדלען —
אַלץ פאַר דעם מענטש אָנגעגרייט איז:
אויף צו געניסן און האַנדלען.

איין זאַך די קווייטעלעך בעטן ביי גאָט:
זיין זאָל פאַר אַלעמען גלייך...
קיינער זאָל קיינעם באַרויבן פון דעם,
וואָס איז געגעבן צו אָרעם און רייך...

דער אָסיען־ווינט

פּרימאָרגן. ס׳ברוגזט זיך דער הימל...
אַ קאַלטער אָסיען־ווינט שפּרינגט אום;
און ס׳ציטערט אויף פון שרעק און מורא קאַלטער
אַ יעדעס בלעטעלע, אַ יעדע בלום.

די לעצטע טעג, אומעטיקע, שווערע...
פאַרטרויערט ליגט די ערד, פאַרשטומט;
און איבער איר דער בייזער ווינט — דער גאַסט פון אָסיען
פליט אום און רוישט און ברומט.

אַ בלאַט נאָך בלאַט פאַלט אָפּ און ווערט פאַרשוואונדן,
וואָס ס׳איז געווען איז מער ניטאָ...
פון ערגעץ־ווייט, פון ערגעץ־ווייט, פון וואַלד, פון שוואַרצן
קומט אָן אַ גאַסט: די ערשטע שוואַרצע קראָ...

שנייעלעך

(פאַר קינדער)

פעדערלעך ווייסינקע, ווייכע —
בלישטשענדע שנייעלעך פאַלן;
פאַלן אָן אויפהער פון הימל
שנירעלעך ווייסע קרישטאַלן.

אַ, וויפיל הערצעלעך יונגע
ווען מיט אייך זיך דערפרייען!
שטילע באַזילבערטע וועגן,
ווייכע, געבעטע מיט שנייען.

יונגע געליבטע, פאַרקלערטע
וועלן אייך קומען אַנטקעגן;
פרייד און אַ יונגער געלעכטער
קלינגען אויף שנייאיקע וועגן.

אַ זון־אונטערגאַנג

זונען־שיפן גלאַנצן, גלאַנצן
ווייט אין הימל־רוים;
פאַר די אויגן וועבט זיך, וועבט זיך
זוניק אויס אַ טרוים...

שטילער, שטילער... בלייכער, בלייכער
ווערט די מערב־זייט;
און דער טונקל־בלויער הימל
ציט זיך, ציט זיך ווייט...

טאָלן, פעלדער, וועלדער שטילע,
דרימלען, דרימלען איין...
אויף די הימלען שטאַרבט דער לעצטער,
שטאַרבט דער לעצטער שיין...

היינט פרי

מיט ווייסן אויסגעבעט די ערד,
אויף אַלע וועגן ווייס... ווייס... ווייס...
פון אויבן — זון... פון אונטן — זון...
אויף אַלע וועגן — זונענליכט...

און ס׳דאַכט זיך מיר: די גרויסע וועלט,
די ברייטע, שיינע, גרויסע וועלט,
היינט־פרי, איז איין געזאַנג צו ליכט,
און צו דעם ווייסן זונענשטראַם...

פרילינג

מאָרגן־טוי און מאָרגן־ליכט

פון באַשאַף דעם סוד צעשפּילן...
וועקט אין האַרצן זיך אַ ליד,
זינגט: מיין בענקען שטילן.

הויבט דאָס האַרץ זיך הויך און הויך —
העכער צו דעם הימל,
ווי אין פעלד פון גרינעם קנאָספּ
פרילינגס ערשטע בלימל.

קושט דאָס ליכט דעם מאָרגן־טוי
און דער טוי, דאָס בלימל;
קלאָרט זיך אויס מיין פרילינגס־ליד,
ווי דער בלויער פרילינגס־הימל...

אַ זון־אונטערגאַנג אויפֿן וואַסער

אַ זונען־וועג, אַ זונען־שטעג
ציט זיך אויפֿן וואַסער;
אין הימל־רוים — דער רויטער באַרג
ווערט בלוטלאָזער און בלאַסער...

מיר פֿאָרן שטיל... דאָס שיפּעלע
זיך הוידעט אויף די וועלן;
און הייליק־שטיל פֿאַרקנסן זיך
צוויי אָנגעבענקטע זעלן...

מיר טרוימען שטיל... מיר ריידן ניט,
מיר שעפּטשען ווי אין תּפֿילה;
אין הימל־רוים דער זונען־באַרג
מאַכט גרייט זיך שוין צו נעילה...

פרילינג איז דאָ

(אַ קינדער־ליד)

פרילינג איז שוין דאָ,
פרילינג איז שוין דאָ,
פלוצלינג, אומגעריכט;
און די גאַס פאַרפלייצט,
און די גאַס פאַרפלייצט,
איז מיט זונענליכט...

קומט אַרויס אין גאַס!
קומט אַרויס אין גאַס!
אַלע מיט אַ מאָל;
זעט: ווי זון מיט פרייד,
זעט: ווי זון מיט פרייד,
וואַרעמט באַרג און טאָל...

נעכטן האָט נאָך ווינט,
נעכטן האָט נאָך ווינט,
דאָ געברומט מיט כעס;
אָבער איצט מיט זון,
אָבער איצט מיט זון
איז פאַרפלייצט די גאַס...

נעכטן האָט נאָך שניי,
נעכטן האָט נאָך שניי,
איינגעדעקט די וועלט;
אָבער איצט — די זון,
אָבער איצט — די זון
וואַרעמט, לאַכט און קוועלט...

אַמאָל איז דער באַרג

אַמאָל איז דער באַרג אַזאַ גוטער —
אַ היטער, אַ שיצער...
ער ציט דיך אַרויף צו זיין טורעם
מיט פליגלען צעשפּרייטע... מיט גבורה,
מיט אימפּעט, מיט גלויבן...
און ברענגט דיך בשלום, מיט ליבשאַפט
צום שפּיץ זיינעם אויבן...
אַמאָל, אין אַ נאַכט, אַ פאַרגליווערטער, קאַלטער,
דער הימל פאַרנעפּלט מיט פינצטערע כמאַרעס;
ס'דרינגט דיר דער אומעט אין ביין, אין די גלידער...
דו שפּירסט, ווי דער טויט איז דאָ דאָ אויף אַ שמחה
און דעקט צו די וועגן מיט אייז און מיט מורא;
אייך טראָט נאָר אַ פאַלשער,
און דו גליטשסט זיך אַרונטער פון באַרג, פונעם גזלן,
וואָס וויל דיך פאַרניכטן...
דער באַרג איז דיין שונא, דיין בלוטיקער שונא
און פאַלש איז ער דיר,
ווי אַ העסלעכע זונה...

IV

טויט און לעבן

טיק־טאַק

פּאַמעלעך רוקן זיך די ווייזערס;
טיק־טאַק, טיק־טאַק;
ס׳האָט די נאַכט זיך אויסגעשלאָפן;
טיק־טאַק, טיק־טאַק...

ס׳פּליסטערט שטיל דער רעגן אויף די גאַסן;
טיק־טאַק, טיק־טאַק;
יונג דער טאָג שוין אויפגעשטאַנען;
טיק־טאַק, טיק־טאַק...

איך האָב די נאַכט געוועקט מיט לידער...
טיק־טאַק, טיק־טאַק;
פאַרן טאָג אַ ליד געשפּונען...
טיק־טאַק, טיק־טאַק...

גיי איך איצט אַרום אַ מידער, אויסגעשעפּטער;
טיק־טאַק, טיק־טאַק;
ס׳איז די נאַכט מיט ליד אַוועקגעשוואומען...
טיק־טאַק, טיק־טאַק...

כולו אמת

שיינקייט איז אויסגעמישט מיט מיאוסקייט;
גוטסקייט איז געמישט מיט שלעכטס...
הייליגקייט — מיט טומאה...
געטלעכקייט — מיט זינד...
כולה שיינקייט איז ניטאָ;
כולה גוטסקייט איז ניטאָ;
כולו אמת איז נישטאָ;
כולה שלימות איז נישטאָ...

ווי די זון האָט פלעקן,
ווי דאָס גאָלד האָט פסולות,
ווי דער וואַלד האָט שאָטנס,
ווי די גאַס האָט גריבער...

איז דער מענטש אַזוי באַשאַפן:
מיט זיין גוטסקייט, מיט זיין שלעכטס;
מיט זיין ליבשאַפט, מיט זיין האַס;
מיט זיין שיינקייט, מיט זיין מום...
כולה שיינקייט איז נישטאָ;
כולה גוטסקייט איז נישטאָ;
כולו אמת איז נישטאָ;
כולה שלימות איז נישטאָ...

טויט און לעבן

צווישן טויט און לעבן
איז אַ שפּרונג אַריבער,
אין אַ וועלט פון סודות,
אין אַ וועלט אַ טריבער.

האָסט געלעבט, געחלומט...
ס'איז גאָרניט דיר געבליבן;
איצט קומט אַנטקעגן
דיר אַ סודות־פולער לעבן.

איצט ווייסטו גאָרניט,
וואָס פון דיר וועט בלייבן?
אַ מעשה צו דערציילן,
אַן אָנדענק צו פאַרשרייבן...

אַ זיסער חלום

די נאַכט איז קאַלט און גרוי און פינצטער;
אַ שטומער טרויער ציט זיך דורך דער נאַכט;
ס׳ליגט אַ מענטש אַ מידער און ער חלומט;
וואָס קאָן זיך חלומען אַ מענטשן האַלבע־נאַכט?...

אים חלומט זיך: די וועלט איז ניי־געבוירן —
אָן שלעכטס, אָן זינד, אָן גיר אויף מאַכט;
ס׳ליגט אַ מענטש אַ מידער און ער חלומט
אַ זיסן חלום אין האַלבער־נאַכט...

אַ ליאַדע טאָג

אַ ליאַדע טאָג, אַ ליאַדע טאָג
וועט אָנקלאַפּן דער טויט צו מיר
אין טיר...
און פרעגן מיך, צי כ'בין שוין גרייט
צו גיין מיט אים
אין אייביקייט?...

„אַזוי גאָר?" וועל איך אים ענטפערן,
„שוין טאַקע באַלד, אָט איצט?"
„איז גאָר ניטאָ קיין וועג צו אָפּלייגן דאָס גיין מיט דיר
אויף שפּעטער... אויף נאָך אַ טאָג,
כאָטש נאָך איין טאָג?..."

ער לאַכט, דער טויט, פון מיר.
איך בעט אים: „לאָז מיך אָפּ..."
ער שטייט אַ שטילער ביי מיין טיר
און שאָקלט טרויעריק דעם קאָפּ...

איין מאָמענט

אַ מענטשנס לעבן לעשט זיך אויס,
אין איין מאָמענט, אין איין מאָמענט...
אָט איז ער דאָ, און שוין — ניטאָ,
אין איין מאָמענט, אין איין מאָמענט...

פאַרזוך־זשע פּאַרט דעם טעם פון פרייד
פון איין מאָמענט, פון איין מאָמענט...
עס וועט שוין קיינמאָל מער ניט זיין
דער איין מאָמענט, דער איין מאָמענט...

פאַרוואָס?

פאַרוואָס קומט איינעם די גאַנצע פרייד
און אַ צווייטן, — לויטער לייד...
קאָן ווער עס איז דערקלערן מיר?
כ'שטיי פאַרגאַפט, מיין גאָט, פאַר דיר...

דער זעלבער מענטש, דאָס זעלבע פלייש און בלוט...
ס'זעלבע האַרץ, דער זעלבער בליק...
פאַרוואָס איז איינעם שטענדיק אַזוי גוט,
און אַ צווייטן... נישט אַ טראָפּן גליק?...

ווען דער מענטש לעבט

אויפן טויט פון כפענסער אוירווין

ווען דער מענטש לעבט
איז ער עפּעס:
גרויס אָדער קליין...
אָבער נאָכן טויט
איז דער גרעסטער מענטש
אַ נול, אַ ניין...

נעכטן האָט די וועלט
געקלונגען מיט זיין נאָמען:
און יעדער איינער
האָט געשלונגען זיינע רייד...
היינט איז שוין זיין נאָמען
אָפּגעווישט... ווי קיינמאָל
ס׳האָט דער מענטש געלעבט,
און מיט זיין וואָרט
אַ יעדעס האַרץ דערפרייט...

אָ, יוגנט

כ׳האָב פאַרשפּעטיקט, לאַנג פאַרשפּעטיקט;
ס׳לעבן איז געלאָפן...
איידער כ׳האָב דערקענט זיך
איז מיין לעבן שוין אַנטלאָפן.

איצטער שטיי איך, ווי אַ בלינדער,
זוך דעם וועג צום פאַרשפּעטיקט לעבן...
כ׳וואָלט פאַר דיר, אָ, יוגנט שיינע,
ס׳לעבן מיינס אַוועקגעגעבן...

איינזאַם

איינזאַם איז דאָ איצט געוואָרן,
איינזאַם טויט און שטיל;
אַלע זיינען זיך צעפאָרן,
אויס געזאַנג און שפּיל...

ערשט ניט לאַנג האָט דאָ געטאָן זיך:
מענטשן אויף און אָפּ...
דאַכט זיך וואָס, נאָר איך דערמאָן זיך:
מ׳איז געזעסן קאָפּ אויף קאָפּ...

איצטער זיינען טויט די גאַסן,
אַ בית־עולם איז דאָס אָרט;
ערגעץ זעט מען נאָך אַ בלאַסן
מענטשן דאָ און דאָרט...

שלייכט זיך אום אָן לייב און לעבן,
איבער גאַסן שטיל...
טויט — דאָס פריערדיקע לעבן,
טויט — די פרייד און שפּיל...

דעם אַמאָל

דעם אַמאָל, דעם אַמאָל,
דעם באַקרוינטן אַמאָל...
וואו נעמט מען אים איצט
וואו נעמט מען אים איצט?

דער טראָט איז שוין שווער;
און שוואַך דער געהער...
די מידיקייט פּלאָגט,
דער אומעט פאַרנאָגט...

דעם אַמאָל, דעם אַמאָל,
דעם באַחנטן אַמאָל...
וואו נעמט מען אים היינט?...
וואו נעמט מען אים היינט?...

לאָמיר טרוימען פון אַמאָל

לאָמיר טרוימען פון אַמאָל,
פון די ליבע, שיינע יאָרן,
וואָס מיר האָבן שוין פון לאַנג,
שוין פון לאַנג פאַרלאָרן.

שווער איז אונדז דעם שווערן יאָך
פון די יאָרן טראָגן...
לאָמיר טרוימען פון אַמאָל,
פון די ליכטיקע פאַרטאָגן...

פון די קלאָרע, בלויע נעכט,
פון די סודותדיקע שטערן...
לאָמיר חלומען פון פרייד,
ניט פון אונדזער לעבן שווערן...

קינדערלעך מיינע

כ׳קאָן איך מיין ליבע ניט ווייזן,
קינדערלעך מיינע,
אָבער כ׳גיי אויס נאָך אייך, ליבע
קינדערלעך מיינע.

פיל איז צו ריידן, צו שרייען,
קינדערלעך מיינע,
אָבער ניט איר זייט דאָך שולדיק
קינדערלעך מיינע.

וואָס אין מיין האַרצן באַהאַלטן
ליגן פיל סודות —
שווערע, פאַר אייך נאָך ניט קלאָרע...
קינדערלעך מיינע.

און איך גיי אום אַ פאַרסמטער,
קינדערלעך מיינע,
קאַלט צו אייך, טייערע, ליבע
קינדערלעך מיינע...

מיר זיינען די נייע

מיר זיינען די נייע, די נייע, די נייע
און זוכן דאָס נייע אין לעבן;
גענוג שוין לעגענדעס, פאַרצייטיקע, אַלטע,
אָן אויפהער, אָן אויפהער צו וועבן.

גענוג שוין פון אַלטע, פאַרצייטיקע העלדן
אָן אויפהער, אָן אויפהער צו זינגען;
שוין צייט אונדז די נייע, די נייע גיבורים
אין לידער, אין תפילות באַזינגען...

שוין צייט אונדז פאַרגעסן דאָס אַלטע, דאָס אַלטע,
און נייע געדאַנקען צו שאַפן;
שוין צייט אונדז צו לעבן, ווי מענטשן מאָדערנע
און ניט ווי פאַרצייטיקע שקלאַפן...

כ׳בין אַ קינד פון דער גאַס

כ׳בין אַ קינד פון דער גאַס, פון דער רעשיקער גאַס,
וואו עס וואַקסן קיין בלומען ניט זומער,
וואו דער הימל איז גרוי און די פּנימער בלאַס,
און די הערצער־באַטריבטע און שטומע.

כ׳בין אַ קינד פון דער נויט, פון דער שלאָגנדער נויט,
צו וועמען דאָס גליק און די פרייד ניט געהערן;
זינגט מיין ליד נאָר פון הונגער און טויט,
פון ליידן, פון ביטערע טרערן...

V

ס׳לעבן איז אַ חתונה

אין אַ שיפל

ס׳וויגט זיך דאָס שיפעלע שטיל,
ס׳וועבט זיך אַ ליבעס־געפיל...
ס׳וויגט זיך דאָס שיפעלע שטיל.

כוואַליעלעך רינגלען זיך דין,
און אַזוי כישופדיק־גרין...
ס׳רינגלען זיך כוואַליעלעך דין.

ס׳צאַנקט אויס די זון ווי אַ טרוים...
בלייך ווערט דער בלוילעכער זוים...
ס׳צאַנקט אויס די זון ווי אַ טרוים.

שאָטנס שפרייטן זיך זאַכט...
ברענגען אַ גרוס פון דער נאַכט;

אומרואיק שפרייט זיך דער וועג
צו דעם אונזעבאַרן ברעג...

דאָס בעסטע און דאָס שענסטע

דאָס בעסטע און דאָס שענסטע
איז לעבן דיר...
דו דאַרפסט עס גאָר ניט זוכן
אין ווייטע שטעט און דערפער;
עס ליגט און שיינט, ווי ריינער גאָלד
ביים שוועל פון דיין אייגענער טיר...

דאָס העדלעכסטע איז ניט ביי יענעם;
עס איז ביי דיר אַליין,
אין דיין אייגן הויז...
נאָר בלינד ביסטו און זעסט ניט,
אַז אין דיין אייגענעם גאָרטן
וואַקסט די אויסדערוויילטסטע און די שענסטע רויז...

האַרבסט

די בלעטער פאַרוויאַנעט, פאַרטריקנט, פאַרשעמט,
דער הימל פאַרצאָרנט און גראָ;
דאָס האַרץ אַזוי עלנט, פאַרגליווערט, פאַרקלעמט
אין דער פאַרנאַכטיקער שעה.

עס ליגן די בלעטער פאַרגעלטע, פאַרלאָזט,
אין האַרצן דער אומעט מיך נאָגט,
די בלעטער צעטראָטן, דער ווינט זיי צעבלאָזט
און ווייט מיטן שטויב זיי צעטראָגט...

אויפן הימל

אין הימל — אַ ליכטיקער שטערן;
פאַרריסן צו אים איז מיין קאָפּ,
און ער פון זיין הויך צו מיר אין דער נידער
שמייכלט פון הימל אַראָפּ.

כ'שטיי און באַוואונדער דעם שטערן דעם שיינעם,
דעם שימער, דעם גלאַנץ פון זיין ליכט,
און, ס'דאַכט מיר, זיין סודותדיק פינקלען
באַלויכט מיר מיין ערדיש געזיכט.

כ'שטיי און באַוואונדער דעם לויכטנדן שטערן,
וואָס קוקט פונעם הימל אַראָפּ
צו מיר אין דער נידער — ער שענקט זיינע שטראַלן,
פאַרריסן צו אים איז מיין קאָפּ...

ס׳לעבן איז אַ חתונה

פון עדגאַר א. געסט

אויב דיר איז ביטער אויפן האַרצן
און האָסט געהאַט אַ שלעכטן טאָג,
גיי ניט אַרום פאַרקרימט, אין שוואַרצן,
מיט קרעכצעניש, און קלאָג...
ס׳וועט דיר שוין ניט בעסער ווערן,
ווען דו וועסט זיך אָפּגיסן מיט טרערן
און אויפדעקן פאַר אַלעמען דיין צער;

טראָג דיין ווייטיק שטיל אַריבער,
און דערוואַרט ניט, די וועלט זאָל האָבן פיבער
בלויז דערפאַר, וואָס דיר איז אַזוי שווער...
מיט דיין אומעט, מיט דיין טרער
פאַרשטער ניט קיינע שמחות
פון דיינע גוטע שכנים, וואָס ווילן לאַכן,
טאַנצן, זינגען און זיך פריילעך מאַכן.

האַלט פאַר זיך אַליין דיין טרויער;
ס׳איז דאָס לעבן ביטער, זויער
אויך אָן דיר, אָן דיינע וואונדן...
ס׳לעבן איז אַ חתונה...
און אויב דו קאָנסט ניט טאַנצן,
גיי אַרויס פון טאַנץ אין גאַנצן...

פרילינגס־וואונטש

(פאַנטאַזיע — אַ קינדער־ליד)

כ׳וואָלט וועלן אַ טייכעלע ווערן
אַט איצט מיטאַמאָל —
און הערן דעם פרילינגס געלעכטער
אין וואַלד און אין טאָל.

אים זען ווי ער קומט צו די בלומען
און קושט זיי און קושט...
און דריקט זיך און פרעסט זיך מיט ליבע
צו מוטער־ערדס ברוסט.

אים זען ווי ער טיילט אויס באַלעבונג
צום גראָז און צום בוים;
און וועבט פאַר דער וועלט, פאַר דער יונגער,
זיין גאָלדענעם טרוים...

כ׳וואָלט ווי אַ טייכעלע פליסן
און אויסהערן שטיל
די סודות, וואָס ס׳טראָגט אין זיין בוזים
דער ווינט צו דער מיל...

נאָך ליבער פון אַלץ וואָלט איך וועלן
אַ וואָלקענדל זיין
און שפּילן זיך הויך אין די הימלען
מיט ליכט און מיט שיין...

זאָל דיין טרויער

זאָל דיין טרויער וואַקסן גרעסער,
און דיין וואונד זאָל טריפן מערער;
זאָל דיין ווייטיק ווערן שאַרפער,
זאָל דיין יאוש נאָגן טיפער...

זאָל דיין צאָרן ברויזן, קאָכן,
באָר קיין ליזונג זאָל ניט קומען...
זאָלן אַלע הימלען פאַלן
פאַר דיין שוועל... און דיך פאַרברענען.

זאָל דיין האַרץ אין סם זיך טרינקען,
זאָלסט קיין אויסוועג ניט געפינען;
פון דיין פיין וואָס עסט דיך, עסט דיך,
ווי אַ וואָרעם און צעשטערט דיך...

וועסט דערפאַר אַ נייער ווערן,
וועסט דערפאַר געלויטערט ווערן;
ס'וועט דיין טרויער און דיין פיין
אויך דיין היילונג זיין...

קיינער

קיינער איז ניט אינגאַנצן געדעכט,
קיינער איז ניט אינגאַנצן שלעכט,
לאָז אַראָפּ פון דיין גרויסן רום
און דעם אומגערעכטן אַנטקעגן קום.

ס'איז דאָס לעבן ביטער, שווער;
פון וויג צום קבר — אַ שפּאַן, ניט מער...
דערשטיק דיין שנאה, דאָס ווילדע בלוט,
זיי בעסער ערלעך, זיי בעסער גוט...

ניט פיל

כ׳פאָדער ניט פיל פון די מענטשן;
כ׳פאָדער: זיי זאָלן זיך בענטשן...
נאָר שעלטן זיך קאָנען זיי בעסער:
זיי האַלטן אַז שעלטן איז גרעסער
און לאַכן זיך אויס פונעם בענטשן,
אָ, נאַרישע, נאַרישע מענטשן!...

כ׳קום און איך לערן זיי ליבן;
כ׳לערן זיי שענקען, פאַרגעבן.
נו, שפּאָטן די מענטשן און לאַכן:
צו וואָס אָט־די נאַרישע זאַכן
צו ליבן, צו שענקען, צו בענטשן,
אָ, נאַרישע, נאַרישע מענטשן!...

איך קום און איך ברענג זיי די תורה
פון הייליקן, אייביקן בורא:
ניט בייז זיין, ניט שימפן, ניט שעלטן...
נו טוט דאָ זייך תורה ניט גילטן;
זיי שרייען: ס׳איז פרעמד אונדז דאָס בענטשן,
אָ, נאַרישע, נאַרישע מענטשן!...

קאַלײדאָסקאָפּיש

קאַלײדאָסקאָפּיש לױפֿן בילדער,
לױפֿן מענטשן הין און הער;
פֿליִען, יאָגן, זוכן, לױפֿן
דער אַהין און דער — אַהער...

קאַלײדאָסקאָפּיש לױפֿן בילדער,
לױפֿן רעדער הער און הין;
אַלע יאָגן, אַלע פֿליִען —
קײן אײנער װײסט ניט, װאוהין?...

די מלכה

מיט קנאַפּלען הויכע, דאָס קעפּל פאַרגלעקלט,
אָט נאָר וואָס אַרויס פון „סאַלאָן",
אַ מלכה אין ליבשאַפט — איז פריילעך, באַוועגלעך,
ווי שטורעם, ווי פייער, ווי פייל פונעם בויגן
זי איילט זיך אַהיים, צו איר טראָן...

און דאָרט וועט זי זיצן און געבן באַפעלן
דעם מלך — איר מאַן און איר קנעכט...
ער וועט איר שוין קושן, די לאָקן איר גלעטן,
ער וועט שוין, פאַרשיכורט, איר שעפטשען אין אויער:
„מיין גוטע, מיין מלאך! דו קאָנסט ניט זיין שלעכט..."

איין טאָג פון גליק

איין טאָג פון גליק
איז מערער ווערט, ווי טויזנט פוסטע טעג...
מעג ער דיך פאַרפירן ווייט
פון דיין געוויילטן וועג.

איין טראָפּן גליק
איז פולער פון אַ גאַנצן ים
געטרוימטער פרייד, געגאַרטער לוסט
און איינגעשטילטן פלאַם...

גוטער בעטער

אויף די פליגלען טראָג מיך איבער
אין אַ וועלט אַ גרינגער —
לויטער טרוים...
כ׳זע: מיין חלום דאָרטן הענגען,
הענגען אין דער לופטן
אויף אַן אַלבירט־בוים.

שטומע שטילן דאָרטן טייכן,
ווי פאַרכישופט אין דיין גרינגער האַנט;
טראָג מיך גיך אַריבער,
גוטער בעטער
אין דיין כישוף־לאַנד.

כ׳וויל מיין לעבן מער ניט ציען
דאָ אויף פרעמדער ערד;
כ׳גיי צו דיר, אָ, גוטער בעטער:
זיין מיט דיר איז מיר באַשערט...

קאָנסט צוריק די ראָד ניט דרייען

קאָנסט צוריק די ראָד ניט דרייען
צו דער צייט, וואָס איז אַוועק;
בעסער לעב מיט זיך צופרידן
דיינע לעצטע, שטילע טעג.

דאַרפסט זיך אויך ניט צופיל זאָרגן,
אויב דיר עפּעס פעלט;
ניט באַקלאָג זיך אויף דיין „דאָליע״,
ניט פאַרכאַפּ די גאַנצע וועלט...

ער איז שוין לאַנג ניטאָ

(אין אָנדענק פון גאָרדאָן ע״ה)

ער איז שוין לאַנג ניטאָ,
נאָר זיין גוטסקייט איז נאָך דאָ...
זיין גרייטקייט העלפן אין אַ נויט;
ניין... ער איז ניט טויט...

זיין שמייכל און זיין וואַרעם וואָרט
לעבן נאָך מיט מיר...
אָט שטייט ער, דאַכט זיך, דאָרט,
ביי מיין טיר...

שירה

כ׳האָב ביז איצט ניט געוואוסט,
אַז מיין פאָלק האָט געזונגען שירה:
שירה פאַרן בורא־עולם,
שירה אין דער מדבר
שירה אויפן שייטערהויפן,
שירה אין די שחיטה־הויפן...
זינג איך איצט אַ ליד פון טרערן ריינע,
וואָס קייקלען זיך פון אויגן שיינע...
זינג איך איצט אַ ליד, ווי מיין פאָלק אין טרויער
אַ ליד, וואָס כ׳טראָג מיט זיך שוין דורות אין מיין אויער...

ס׳ווערן

ס׳ווערן פון ליכטיקע, ריינע פאַרלאַנגען
ערגעץ פאַרגעסענע קלאַנגען...
ס׳ווערן פון ווינטער־נעכטס זילבערנע שנייען
נאָנטע און לאַנגע חלומות,
און פון די זומער־נעכטס גליהיקע שטערן
לאָקנדע סודות עס ווערן...

ס׳ווערן פון שמייכלענדע קינדערשע פריידן
אָפּטערער אומעט און לײדן...
און פון די גאָלדענע צוקונפטס־געוועבן
ווערט אַ פאַרצווייפלטער לעבן...

גאָט! איז צו וואָס, אָ, צו וואָס מיט דיין ווילן
שענקסטו אונדז פאַרלאַנגען, געפילן,
אַז יעדן ליכטיקן טרוים, וואָס מיר שפּינען
לאָזטו אין טרערן צערינען?...

אין „קאָונטרי"

פון אַן איפשריפט אויף אַ בילד

דאָס איז דאָס הויז, וואו כ'וואוין און שלאָף
און וועל דאָס באַלד פאַרלאָזן,
ווייל ווינטער איז שוין דאָ און ס'הערט ניט אויף
פון אַלע זייטן בלאָזן.

דער טאָג איז שיין און וואַרעם איז
אין הייזל מיינעם שטילן,
נאָר קומט די נאַכט און „גאַד, אַי פריז!"
כ'וועל זיכער זיך פאַרקילן...

אַ וואַרעם הויז, אַן איבערבעט...
וואָס וואָלט איך ניט געגעבן,
צו האָבן דאָ „אַ היטעט פלעט"
און זאָרגלאָז דאָ זיך לעבן.

דו לערנסט מיך לעבן

דו לערנסט מיך לעבן,
דו גיסט מיר פאַרשטיין:
וואָס גוט און וואָס שלעכט איז,
וואָס אומריין, וואָס — ריין?...

נאָר איך וויל ניט וויסן:
כ'וויל לעבן, כ'וויל זיין...
באַלד וועט שוין ניט בלייבן
אין בעכער קיין וויין...

פּאָרטראַכט איך אַ זאַך

פּאָרטראַכט איך אַ זאַך,
איך טראַכט ניט קיין סך,
נאָר טו עס, מעג זיין, וואָס עס וויל;
געטריי בין איך נאָר
מיין פרייער נאַטור,
מיין האַרצנס, מיין האַרצנס געפיל.

און טרעפט זיך אַמאָל,
איך פאַל און איך צאָל
אַ פּרייז פאַר מיין האַרצנס געווּס,
בין איך ניט אין כעס
און טראָג ניט קיין האַס
און האָב ניט אויף זיך קיין פאַרדרוס.

קינדערלעך ליבע, קינדערלעך מיינע

קינדערלעך מיינע, קינדערלעך ליבע,
כ'האָב צוליב אײַך פיל יאָרן פאַרלאָרן
און צוליב אײַך, מיינע קינדערלעך טרייע,
איז מיר מיין לעבן אַ משא געוואָרן.

כ'ווייס ניט צי וועט איר אַמאָל עס באַגרייפן,
וואָס פאַר אַ פרייז כ'האָב באַצאָלט פאַר אײַך, ליבע...
טעג פול מיט ליידן, נעכט פול מיט שמאַרצן,
יאָרן, פאַרוואָלקנטע, טריבע.

און צוליב אײַך, מיינע קינדערלעך ליבע
האָב איך דאָס בעסטע געגעבן —
אַ קרבן פאַר אײַך: ס'איינציקע לעבן,
טרויעריק, טרויעריק לעבן...

כ׳וויל נאָך זיין

כ׳וויל נאָך זיין דאָ אויף דער וועלט
און זיך נאַריש מאַכן;
מעג אַ יעדער פּעסימיסט
פון מיר חוזק מאַכן;

און מיך רופן: אַלטער נאַר
און נאָך אַזעלכע זאַכן...
כ׳וויל נאָך זיין דאָ אויף דער וועלט
און זיך נאַריש מאַכן...

כ׳וויל נאָך לעבן אויף דער וועלט,
מעג אַ יעדער פון מיר לאַכן,
כ׳וויל נאָך זיין דאָ אויף דער וועלט
און זיך נאַריש מאַכן...

ווי קאָנסטו?

איך ניט קיין זינד צו „פריידיקן" אין לידער
און לערנען יענעם ווי צו לעבן?
ווען דו אַליין ביסט גאָרניט גליקלעך —
— ווי קאָנסטו יענעם עצות געבן?...

דאָס ליד פון דערשלאָגענעם

„עולים ויורדים״: מיר גייען און קומען
אַ יעטווידן טאָג אין פאַבריק;
„עולים ויורדים״: מיר זוכן אומזיסט דאָרט
אונדזער פאַרלוירענעם גליק.

„עולים ויורדים״: מיר שלעפּן זיך מידע
אַלץ אויף דעם זעלביקן וועג;
ס'ציט זיך אַ לעבן פון זאָרג און יסורים
גאָר אָן אַן עק, אָן אַ ברעג...

„עולים ויורדים״: מיר האָבן קיין כח ניט
מער שוין צו שלעפּן דעם יאָך;
גאָטעניו, ליבער, נעם צו אונדזער לעבן,
טויט אונדז, נאָר פריי לאָז אונדז דאָך...

ווען טרויער עסט מיך

ווען טרויער עסט מיך,
און אומעט נאָגט מיך,
און ס׳איז מיין האַרץ
מיט יאוש פול,
אַנטלויף איך
צו דיין בוך מיט לידער
און שטיל
מיין ווייטיק איין
מיט דיינע
זינגענדיקע לידער,
מיט דיין
פאַרשיכורנדיקן וויין...

דערקענסטו דאָס לאַנד?

שוועסטער, דערקענסטו דאָס לאַנד דאָס פאַרלאָזטע
פון אונדזערע אָבות, דאָס הייליקע לאַנד,
אין שרון, אין גליל, ביים ברעג פון כנרת,
דערקענסטו די זאַמדן פון יידישן לאַנד?

דאָרטן האָבן די יידן געוואַנדערט אין מדבר,
געטובלט די הערצער אין פלאַם...
דאָרט האָבן די יידן געזונגען: „אז ישיר",
דאָרט האָט זיך געשפּאָלטן דער ים.

דאָרט האָבן די יידן דורך משה־רבינו
די תורה מקבל געווען פון גאָט;
די ערשטע פון לוחות געלערנט
די „עשרת הדיברות" — דאָס ערשטע געבאָט.

דאָרט האָבן די יידן אין מחנות געצויגן
מיט רינדער און שאָף, ביים ים־סוף;
די ערשטע דעם בורא העולם
געהערט, דורך דונער און בליצן, זיין רוף...

דאָס לאַנד פאַר די אויגן שטייט אויף אַ באַנייטע
און בויעט זיך מיט אימפּעט, פאַרנעם...
עס איז אונדזער הייליקע לאַנד פון די אבות
פון סדום און עמורה, פון דן ביז באר־שבע, פון עכו ביז שכם.

ס'איז ניטאָ

ס'איז גאָר ניטאָ קיין פרייד, קיין אויסגעטרוימטע,
ס'איז גאָר ניטאָ קיין העכסטער גליק;
ס'איז דאָ אַ פאַלשער שטראַל פון ליכטיקן פרימאָרגן,
ס'איז דאָ אַן איינגערעדטער גליק...

ס'איז גאָר ניטאָ קיין אויסגעטרוימטע ליבע;
און ס'איז ניטאָ קיין אמתדיקע פרייד;
ס'גאַנצע לעבן איז אַן אָפּגעגאַרטער בעכטן...
פון ניט געמיינטע, אויסגעטראַכטע רייד...

רויטע ליכטער

רויטע ליכטער אין די גאַסן,
נאָענט צו דער ערד;
פּאָרן, גליטשן זיך אויף פּאַסן,
איבער געלע ווייסע פּאַסן,
לויפן אומגעשטערט.

רויטע ליכטער — שטומע עדות,
פון דעם מענטשנס טיפע סודות...
אין די ווינקלען, אין די גאַסן,
פּאָרן, גליטשן זיך אויף פּאַסן,
נאָענטע צו דער ערד...

און ווידער קריג

פריי נאָכן רוסישן, פון אַלעקסאַנדער סטאָקליטסקי

און ווידער קריג, אַ ווילדער, שרעקלעכער פאַרברעכן...
און ווידער פליסט דאָס הייסע מענטשן-בלוט!
דער מענטש איז ווילד, און ווייסט ניט, וואָס ער טוט
אין דורשט נאָך טויט, פאַרוויסטונג און פאַרברעכן...

און ווידער קריג! דער הימל פלאַמט מיט פייער-פלאַמען;
אויף בערג מיט טויטע הענגט אַ גרויער וואָלקן-טוך...
די וועלט איז פול מיט בלוט, מיט פלייש-גערוך...
און ס'טאַנצט דער טויט אויף בלוטיק-רויטע ימען...

דער טויט אין מיטן גאַס

שפּיץ אָן דיין אויער,
שאַרף אָן די נערוון,
דערשפּיר דעם אָטעם פון דער גאַס;
וואָס ביסטו, חבר,
אַזוי פאַרלוירן,
אַזוי צעשראָקן — בלאַס?

דער וועג איז גליטשיק,
די נאַכט איז פינצטער,
ס׳הערשט דער טויט אין מיטן גאַס...
וואָס ביסטו, חבר, אַזוי פאַרפינצטערט,
אַזוי דערשראָקן — בלאַס?

דיך שרעקט די מורא,
די בלינדע מורא
פאַר טויט, פאַר בלוט אין מיטן גאַס...
וואָס ביסטו, ברודער,
אַזוי פאַרצווייפלט,
אַזוי צעשראָקן — בלאַס?...

וועק אויף דיין ווילן,
מאַך שטאַרק דיין גלויבן,
און דריי זיך אום געשווינד;
צוריק צום אַלטן,
צום וועג, צום גלאַטן,
צוריק צו ווייב און קינד...

אינהאַלט:

גאָטס אות

	זייט
הכנעה	7
יצירה־פרייד	8
דער וואונדער פון מיין איך	9
טויט און לעבן	10
גאָטס אות	11
מיין טאַטנס ברכה	12
קינדערשע טעג	13
חבלי־לידה	14
די בייזע וועלט	15
מיין נשמה	16
אויפן ברעג	17
עס איז דאָ אַזאַ שעה	18
כ׳וויל ניט פאַרבלוטיקן	19
אויפן טויט פון אַן איבערגעפאָרענער	20
פאַרוואָס אַזוי פיל טרויער ?	21
בלינדער לעבן	22
שיינקייט	23
מיין טרוים	24
זאָל פאַרצערן דיך דער טרויער	25
ס׳לעבן	26
דאָס ניט דערגרייכטע	27
וואָס לענגער . . .	28
שוין וויפיל פרעמדע מענטשן	29
טרויער	30
הבל הבלים	31
יאוש	33
חלומות	34
די ליבע, שיינע פרוי	35
ווען וועל איך רופן ?	36

פון גאָט באַשערט

פון גאָט באַשערט	39
איך דאַרף קיין סך ניט האָבן	40
אין אירע אויגן	41
אַ היים	42
צום מענטשן	43
צוויי קושן	44
כ׳וויל ניט טראַכטן	45
יוגנט	46
כ׳האָב לאַנג געזוכט דיך	47
אין שווייגן	48
לידער	49
ליבע	50
איז עס מעגלעך	51
אין שווערע מינוטן	52
אמת	53
איבערצייגן	54
כ׳בין אַ ייד	55
אויף אַן עראָפּלאַן	56
דער אָפּנאַר	57

אַ טאָג איז אַריבער

זייט

הייס — 61

אַ טאָג איז אַריבער — 62

צוויי טעג — 63

דער אָנזאָג פון פרילינג — 65

קווייטעלעך בעטן — 67

דער אָסיען־ווינט — 68

שנייעלעך — 69

זייט

אַ זון־אונטערגאַנג — 70

היינט פרי — 71

פרילינג — 72

אַ זון־אונטערגאַנג אויפן וואַסער — 73

פרילינג איז דאָ — 74

אַמאָל איז דער באַרג — 75

טויט און לעבן

טיק־טאַק — 79

כולו אמת — 80

טויט און לעבן — 81

אַ זיסער חלום — 82

אַ ליאַדע טאָג — 83

איין מאָמענט — 84

פאַרוואָס ? — 85

ווען דער מענטש לעבט — 86

אָ, יוגנט — 87

איינזאַם — 88

דעם אַמאָל — 89

לאָמיר טרוימען פון אַמאָל — 90

קינדערלעך מיינע — 91

מיר זיינען די נייע — 92

כ'בין אַ קינד פון דער גאַס — 93

ס'לעבן איז אַ חתונה

אין אַ שיפל — 97

דאָס בעסטע און דאָס שענסטע — 98

האַרבסט — 99

אויפן הימל — 100

ס'לעבן איז אַ חתונה — 101

פרילינגס־וואונטש — 102

זאָל דיין טרויער — 103

קיינער — 104

ניט פיל — 105

קאַלײדאָסקאָפּיש — 106

די מלכה — 107

איין טאָג פון גליק — 108

גוטער בעטער — 109

קאָנסט צוריק די ראָד ניט דרייען — 110

ער איז שוין לאַנג ניטאָ — 111

שירה — 112

ס'ווערן — 113

אין „קאָונטרי" — 114

דו לערנסט מיך לעבן — 115

פאַרטראַכט איך אַ זאַך — 116

קינדערלעך ליבע, קינדערלעך מיינע 117

כ'וויל נאָך זיין — 118

ווי קאָנסטו ? — 119

דאָס ליד פון דערשלאָגענעם — 120

ווען טרויער עסט מיך — 121

דערקענסטו דאָס לאַנד ? — 122

ס'איז ניטאָ — 123

רויטע ליכטער — 124

און ווידער קריג — 125

דער טויט אין מיטן גאַס — 126